# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת נשא, י"ד סיון, אבות פרק ב', שנת תשפ"ג לפ"ק

שנה 12, גליון 36 (606)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................8:03
מוצאי שב"ק......................9:34

**שיעורים כסדרן**

נ"ך............................יהושע ה'-ו'
בבלי..........................גיטין י"ח
ירושלמי.............שביעית י"ט
תוספתא.................ערכין ג'
רמב"ם..........עבודת כוכבים ו'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן אוּן אָפְּהִיטְן. זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, ה) יְבָרֶכְךָ ה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט. (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ג), וְיִשְׁמְרֶךָ, אוּן אָפְּהִיטְן פוּן מַזִּיקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ח), בֶּאֱמֶת וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט, נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה וָואס דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מִדָּה, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען פַארְלִירְן גֶעלְט, קֶען מֶען זִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין דֶערוֹיף.

דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה אִיז "כַּעַס". כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, וֶוען מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעט אַז עֶס דַארְף יֶעצְט אַרָאפְּקוּמֶען הַשְׁפָּעוֹת פוּן גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, שְׁטֶעלְט עֶר אִים אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט, פַארְלִירְט עֶר זַיין גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶערֶעגְט בַּאשַׁאפְט עֶר שְׁלֶעכְטֶע מַזִּיקִים, וָואס זֵיי זֶענֶען אִים מְצַעֵר אוּן מַאכְן שָׁאדְן זַיין גֶעלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק "יְבָרֶכְךָ ה' בְּמָמוֹן" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט, אָבֶּער עֶס פֶעלְט נָאךְ אוֹיס "וְיִשְׁמְרֶךָ מִן הַמַּזִּיקִין" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן דִי מַזִּיקִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן כַּעַס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידָּה פוּן כַּעַס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר רַאטֶעוֶועון פוּן וֶוערְן בְּכַעַס, זָאלְסְט נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין אֱמוּנָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רֶעגְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל, אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אִיז אַ סִימָן עֶס פֶעלְט דִי אֱמוּנָה. דֶערִיבֶּער זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קה:) "הַמְקָרֵעַ בְּגָדָיו בַּחֲמָתוֹ", וֶוער עֶס צֶערַייסְט זַיינֶע קְלֵיידֶער פוּן כַּעַס, "וְהַמְשַׁבֵּר כֵּלָיו בַּחֲמָתוֹ", וֶוער עֶס צֶעבְּרֶעכְט זַיינֶע כֵּלִים פוּן כַּעַס, "וְהַמְפַזֵּר מָעוֹתָיו בַּחֲמָתוֹ", אוּן וֶוער עֶס וַוארְפְט אַוֶועק זַיין גֶעלְט פוּן כַּעַס, "יִהְיֶה בְּעֵינֶיךָ כְּעוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה", - אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; וַוייל מִיט דֶעם וָואס עֶר וֶוערְט בְּכַעַס וַוייזְט עֶר אַז עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶר גְלֵייבְּט אַז קַיין שוּם זַאךְ גֶעשֶׁעהט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אִיז אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וָואס פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס.

יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם בֵּייגֶעלֵייגְטְן תְּפִילָּה; נִישְׁט אֵיינְמָאל אַ טָאג נָאר אַפָּאר מָאל אַ טָאג זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר רַאטֶעוֶועון פוּן כַּעַס, וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער בֵּייצוּקוּמֶען דֶעם נִסָּיוֹן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער, טַאטֶע גֶעטְרֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אוּן הִיט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ קַיין כַּעַס, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן אוֹיבּ אִיךְ וֶוער חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְגֶערֶעגְט זָאל אִיךְ נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי כַּעַס אוֹיף רַחֲמָנוּת, אַנְשְׁטָאט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן זָאל אִיךְ רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַלֶעמֶען; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דִי עֲבֵירָה פוּן: "וְלֹא יִהְיֶה בְּךָ אֵל זָר, וְלֹא אֶשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל נֵכָר", וָואס וֶוען מֶען רֶעגְט זִיךְ אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף דֶעם וַוייל עֶס אִיז כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דוּ וֵוייסְט דָאךְ וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס וַוייל וִוי נָאר עֶס הֵייבְּט אָן בְּרֶענֶען אִין מִיר דִי כַּעַס חַס וְשָׁלוֹם, פַארְלִיר אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן; בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פוּן הַיינְט אָן נִישְׁט וֶוערְן מֶער בְּכַעַס, עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, אִיךְ זָאל זַיין גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה".

(זֹאת הַתּוֹרָה נָשֹׂא ג' - עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנַּן תשע"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְ'הֶערְט מִיךְ אוֹיס?

דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן, עֶס אִיז גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּבֶ'ער פוּן אַלֶעס, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, עֶר פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אַז אַ אִיד זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן חֲלִישַׁת הַדַּעַת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אַיינְרֶעדְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן אוֹת י', י"ב) אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז

<<<<<<

## א גוט ווארט

בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג שָׁבוּעוֹת - דִי תְּנָאִים, אוּן דֶעם צְוֵוייטְן טָאג שָׁבוּעוֹת לֵיינֶען מִיר דִי כְּתוּבָּה; וִוי מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער בִּינְדְן זִיךְ צוּ לֶעבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן נָאר מִיט דִי תּוֹרָה, נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי זַאךְ אִיז נָאר, מֶען דַארְף זֶען דִי שִׁידוּךְ זָאל אָנְהַאלְטְן, עֶס זָאל זַיין אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּימָא. דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען בְּלַייבְּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן - צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט, אִיךְ קֶען וַוייזְן פַארְן גְרוֹיסְן לַמְדָן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אוּן פַארְן קְלֶענְסְטְן מֶענְטְשׁ - אַז עֶר קֶען יָא לֶערְנֶען.

קוּק אַרַיין אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו) וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס אִיז דָא פַאר דִיר אוֹיךְ אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָנְהַאלְטְן דַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן קַבָּלוֹת פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פַאר אַ גַאנְץ יָאר; וֶועסְט הָאבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ אָן גֶעדֶענְקֶען, אֲפִילוּ אָן קַיין חַבְרוּתָא.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא-א תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# כַּאפּ אַ טֶענְצְל מִיט דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, מ"ח לָעוֹמֶר,
עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ. עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ זָאלְסְט אַלֶע טָאג טַאנְצְן; גֵיי אַ טֶענְצְל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, יֶעדְן פַארְנַאכְטְס אוּן אִינְדֶערְפְרִי טַאנְץ מִיט זֵיי מִיט שִׂמְחָה; עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט, סַיי פַאר אוּנְז אוּן זִיכֶער פַאר קִינְדֶער - צוּ טַאנְצְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

מֶען קֶען אַסַאךְ גְרִינְגֶער מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען עֶס הֶערְשְׁט אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּב, וֶוען מֶען זִינְגְט אוּן טַאנְצְט מִיט גוּטֶע לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק; עֶס עֶפְנְט זִיךְ דֶער מֹחַ אוּן דִי הַארְץ, עֶס אִיז גְרִינְגֶער אַלֶעס צוּ מְקַבֵּל זַיין.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר דִי זַאכְן וָואס אִיךְ אַלֵיינְס טוּ, עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע שֵׁיינֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן מַיין קָאפּ בִּיז מַיין פִּיס. אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְווֹת. אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט אוּן פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת הַשִּׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס, אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיינְס, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא א', וַיְחִי תשפ"ג)

<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דוּרְךְ אוֹיף אִים בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחֲנִיּוּת, אוּן אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן. וָואס עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט, הָאט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַסַאךְ מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַסַאךְ מָאל אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף דֶערְמִיט, אוּן מִן הַסְתַּם וִויל אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

אַזוֹי וַוייט אַז צוּמָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי מִי אוּן פְּלָאג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים סַיי וִוי נִישְׁט, עֶר הֶערְט אִים סַיי וִוי נִישְׁט אוֹיס. אָבֶּער נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט, אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶר הֶערְט זִיכֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, אַז אַלֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק, אִיז נָאר גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ וָואס מֶען קֶען אַלְץ צוּקוּמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעפַּאסְט אוּן זִיךְ מְסַגֵף גֶעוֶוען, עֶר וָואלְט נָאר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער אוּן מֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג וִויפִיל עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִין אַ יָאר.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק, וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי זֶעלְבֶּע נִסָּיוֹן, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נָאכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן.

## אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת?

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"ב סִימָן צ"ו) אַז עֶר וִויל אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶסְן, טְרִינְקֶען, לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר דַארְף אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין פַּרְנָסָה, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען דַארְף אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען טוּן וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מֶען טוּט גֶעוֶוענְלִיךְ דוּרְכְ'ן טָאג, נָאר וָואס מֶען טוּט זָאל מֶען טוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן מֶען זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי, זָאל מֶען גְלַייךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע טָאג, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ גוּטְס, אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

און אַזוֹי אַ גַאנְצְן טָאג, סַיי וָואס מֶען טוּט, זָאל מֶען טוּן נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין דֶערְמִיט. בִּיז וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַזוֹי קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת?

מֶען זֶעט אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ צוּ זַיין חַבֵר אוּן זָאגְט אִים: "אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר אַ שָׁעָה", וֶועט אִים דֶער חַבֵר זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹיפִיל צַייט צוּ רֶעדְן אַ שָׁעָה", אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט מֶען סְתָּם אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אָן קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, דַאן קֶען זִיךְ פַּארְצִיעֶן אַ שְׁמוּעֶס אֲפִילוּ פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה. דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַאר אוּנְז אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶר גֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שָׁעָה, וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן בִּכְלָל, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָבֶּער אָן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען זִיךְ עֶס יָא פַּארְצִיעֶן לֶענְגֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס בְּלַייבְּט נָאר בַּיי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פַּארְשְׁטֶעלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט וָואס מֶען טוּט, דַאן פוּן דִי קוּרְצֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט דָא אוּן דָארְט, וֶועט זִיךְ צוּזַאם קְלַייבְּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג אַ שָׁעָה, אוּן אֲפִילוּ מֶער, וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ שְׁטִיק רוּחְנִיּוּת

אֵיינְמָאל מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דַאן וֶוערְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק רוּחְנִיּוּת, אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער. וַוייל אֲפִילוּ דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן שְׁמוּעֶסְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אַ שְׁטִיק רוּחְנִיּוּת.

אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אַלֵיין, אָדֶער אַז עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, וַוייל וואוּ עֶר אִיז, אִין וָואסֶערֶע מַצָב עֶר אִיז, וֶועט עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהַאט אַזוֹיפִיל אִיבְּרִיגֶע צַייט, דָא בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס, דָא הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אוֹיף אֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִין דִי צַייט גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פַּארְשְׁטֶעלְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְרַשֵׁל אִין דֶעם, נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז נָאר חָשׁוּב אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס דִי צַייט, עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן כָאטְשׁ עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ ח"ב וח"ד עֶרֶךְ הִתְבּוֹדְדוּת)

<<<<<< נייעס

דריי צייטן ראש השנה, שבת חנוכה, און שבועות, וועט געראטעוועט ווערן פון דעם שווערן עונש פון עולם התוהו. יעדע פון די צייטן באקומט מען אנדערע סארט מתנות פון הייליגן רבי'ן, און יעצט אום שבועות באקומט מען דעם סדר דרך הלימוד, וואס איז א מתנה פאר אונז פון הייליגן רבי'ן, וואס מיט דעם קען יעדער איד האבן א שייכות מיט די הייליגע תורה, אפילו מ'האט נישט קיין איבריגע צייט צו לערנען, מ'האט נישט די פארשטאנד און געדולד צו קענען לערנען, קען מען אבער זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, און ווען א איד זאגט די הייליגע תורה, וועט ער צום סוף זוכה זיין צו קענען פארשטיין אלעס וואס ער האט געלערנט. דערפאר דארף מען זיך זייער פרייען אז מען איז זוכה צו זיין ביים הייליגן רבינ'ס קיבוץ אום יום טוב שבועות. נאך די דרשה איז דער ראש ישיבה שליט"א ווידער צוגעגאנגען צו מעריב.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, אויך דער צווייטער טאג יום טוב איז אריבער מיט גרויס דערהויבנקייט, די תפלות און סעודות און דברי תורה וועלן לאנג געדענקט ווערן ביי אלע באטייליגטע.

ביים קידוש נאכ'ן דאווענען, וואס איז געווען אינאיינעם מיט'ן קידוש לכבוד די באוואפן פון החתן נחמן יואל בן מו"ה אהרן וועבערמאן שליט"א, האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן א פרישע מחזור אין סיפורי מעשיות, דער ראש ישיבה שליט"א האט שטארק מחזק געווען דעם עולם, און אויך גערעדט איבער שלום בית, וואס איז גאר וויכטיג פאר יעדן ערליכער איד.

נאך מנחה איז געווען נעילת החג, אינאיינעם מיט סעודת שלש סעודות. דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעזאגט די שטר כתובה שבין ישראל לאביהם שבשמים, און דערנאך גערעדט דברי חיזוק ווי אזוי מיטצונעמען דעם יום טוב אויפ'ן גאנצן יאר.

ויום טוב היה עושה בצאתו בשלום מן הקודש, אום מוצאי יום טוב איז מען זיך צוזאמגעקומען אין שול צו טאנצן און זיך פרייען. פאר לאנגע שעות האט מען געטאנצן בתופים ובמחולות, לעבעדיג און לוסטיג מיט לויב און געזאנג צום אייבערשטן.

דער געהויבענער יום טוב וועט אונז בלייבן אין די ביינער פאר לאנגע יארן, די התחזקות און התעוררות וועט געדענקט ווערן פאר זייער לאנג, און מיט די הייליגע לימודים פון רבי'ן וועלן מיר אלע זוכה זיין צו זיין גרויסע ערליכע אידן.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

***

## פרישע מחזור פונעם לימוד יומי אין נ"ך

די וואך דאנערשטאג נשא האט מען אנגעהויבן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף דעם צענטן מחזור, צו לערנען יעדן טאג צוויי קאפיטלעך אין נ"ך.

דער לימוד האט זיך אנגעהויבן אין ישיבה, פילע אנשי שלומינו האבן זיך קובע געווען צו לערנען יעדן טאג צוויי קאפיטלעך אין נ"ך, און זיי זענען זיך ממש מחי' דערמיט. דער הייליגער רבי האט געזאגט אז נ"ך איז זיין מוסר ספר, ווען מען לערנט נ"ך וועקט מען זיך אויף צוריק צו קומען צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט גאנץ נ"ך, מען קען הערן די שיעורים אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליניע, דרוקט 1 פאר אידיש, דערנאך 3 פאר שיעורי תורה, און 3 פאר די שיעורים אין נ"ך.

דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר די הייליגע קאפיטלעך בטוב טעם ודעת, געשמאק און פשוט, און אלס א באנוס איז דא כמעט נאך יעדע קאפיטל גאר שיינע אייגנארטיגע דברי התחזקות. פילע אידן וואס האבן אויסגעהערט די שיעורים זאגן אז דאס האט זיי גאר שטארק ארויסגעהאלפן, זיי האבן זיך ממש מחי' געווען מיט די שיעורים, איינער פון אנשי שלומינו וואס איז אריבער גאר א שווערע דורכגאנג האט דערציילט אז דוקא די שיעורים אין נ"ך האבן אים ממש דערהאלטן ביים לעבן צו קענען ווייטער אנגיין.

לאמיר זיך אויפפרישן און אנהויבן לערנען די הייליגע תורה יעדן טאג, דאס איז דאך די גאנצע חיות פון א איד, דאס געבט עסן פאר די נשמה, מען באקומט א סיפוק אין לעבן.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א סדר דרך הלימוד (שיחות הר"ן סימן ע"ו), א וועג ווי אזוי יעדער איד אן אויסנאם קען זוכה זיין צו לערנען תורה יעדן טאג, דער רבי זאגט אז עס איז גענוג בלויז צו זאגן די ווערטער פון תורה, אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט און מען געדענקט נישט וואס מען לערנט.

קיינער קען זיך נישט ארויסדרייען, ווער עס האט א מויל מיט ציינער קען זיך מאכן שיעורים יעדן טאג אין די הייליגע תורה, מען דארף נישט קיין חברותא, מען דארף נישט קיין מגיד שיעור, און מען דארף אפילו נישט צופיל איבריג צייט. לאמיר ארויסכאפן יעדן טאג אביסל תורה, מען דארף עס נאר אמאל פארזוכן און שפירן דעם געוואלדיגן געשמאק וואס דאס ברענגט אין לעבן אפילו אויף די וועלט, שוין אפגערעדט די גרויסע שכר וואס ווארט אונז אפ פאר יעדע ווארט תורה אויף יענע וועלט.

**מתוקים מדבש ונופת צופים!**



### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי אַזוֹי פּוֹעֵל אִיךְ בַּיי מַיין וַוייבּ צוּ פּוּצְן דִי זִילְבֶּער?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן דְרָשׁוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן אִיבֶּער אַן עִנְיָן וָואס שְׁטֶערְט מִיר פוּן מַיין וַוייבּ. אִיךְ בֶּעט אִיר כְּסֵדֶר אַז זִי זָאל פּוּצְן אוּן רֵיינִיגְן דִי זִילְבֶּערְוַוארְג, עֶס לִיגְט שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶס וֶוערְט נָאר מֶער אוּן מֶער שְׁמוּצִיג אוּן אַלְט, אוּן אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי אִיר אַז זִי זָאל עֶס רֵיינִיגְן, אָבֶּער זִי נֶעמְט עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער, זִי וֶוערְט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ לֵייג אַרוֹיף אִיבְּרִיגֶע אַרְבֶּעט אוֹיף אִיר, אָבֶּער אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דִי זִילְבֶּער זָאל זַיין שֵׁיין, עֶס גֶעבְּט אַזוֹיפִיל צוּ צוּ דִי הוֹיז אוּן צוּם שַׁבָּת. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ"

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן? קֶענְסְט אַרוֹיפְשַׁארְצְן דַיינֶע עֶרְמְל אוּן דָאס אוֹיסְפּוּצְן.

וָואס ווילְסְטוּ פוּן דַיין וַוייבּ? וָואס קוּמְט זִי דִיר? זִי הָאט נִישְׁט גֶענוּג אַרְבֶּעט?! נָאךְ שֵׁיין אַז זִי וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, מִיט דִי קִינְדֶער - לֵייגְסְטוּ אִיר אַרוֹיף נָאךְ אַרְבֶּעט; פַאְרוָואס זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם", פְּרוּוְוט לַיידְן זֵייעֶר אַסַאךְ צַעַר אוּן יִסוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר, וְהַלֵּדָה, וְהַגִּדּוּל", זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ וֵוייטָאג בַּיים וַוארְטְן, בַּיים גֶעבּוֹירְן אוּן בַּיים אוֹיפְצִיעֶן, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל, עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם זֵייעֶר וֵוייטָאג, זֵייעֶר צַעַר אוּן זֵייעֶר יִסוּרִים.

קֶען זַיין אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אִיז אַ בּוּשָׁה צוּ רֶעדְן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, אָבֶּער בַּיים רֶבִּינְ'ס חֵדֶר אִיז דָאס עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיר זָאלְן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, וַוייל נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דָא אַ מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אַ רֵיינֶע הַארְץ - פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ - פַּאלְט מֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רסג): "זֶה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערֵיי צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר וִויל נָאר מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְרִינְגֶער אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד - לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרָאפּ אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

זִילְבֶּער קֶען מֶען שְׁפֶּעטֶער אוֹיסְפּוּצְן, אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְקֵייט פוּן דִי וַוייבּ, אוֹיבּ מֶען הֶעלְפְט נִישְׁט - קֶען זִיךְ עֶס צֶעַרַייסְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; הֶעלְף אִיר אוּן לֵייג נִישְׁט אַרוֹיף נָאךְ אַרְבֶּעט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא א' תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי׳ן (קסו)

### תקפו

סוֹף חוֹדֶשׁ שְׁבַט אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם הֵייליגְן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי׳ן אִין זַיין צִימֶער נֶעבְּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן דָארְטְן זֵייעֶר עֶרְנְסְט מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, זַיין פָּנִים אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רוֹיט, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "גוּט אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען, אִיךְ דַארְף דִיר יֶעצְט הָאבְּן". דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן פַארְשְׁפַּארְן דִי טִיר אוּן עֶר הָאט עֶס טַאקֶע פַארְשְׁפַּארְט. דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל זִיךְ זֶעצְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ סֵפֶר בִּכְתַב יַד [דֶער סֵפֶר וֶוערְט גֶערוּפְן בַּיי אוּנְז "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אִין סִימָן תקע"ה], עֶר הָאט אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פַּאפִּיר מִיט טִינְט אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן, אוּן אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אוֹת בַּיי אוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם כְּתַב יַד. רֶבִּי נָתָן הָאט גְלַייךְ אַזוֹי גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן. דֶער רֶבִּי אִיז דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעזֶעסְן דָארְט אוּן גֶעקוּקְט אוֹיף אִים, אוּן עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען דְרֵיי אוּן אַ הַאלְבּ שָׁעָה אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר.

אִינְמִיטְן שְׁרַייבְּן הָאט דֶער רֶבִּי אִים אִיבֶּערְגֶעהַאקְט עֶטְלִיכֶע מָאל, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָנ׳ן, "דוּ וֵוייסְט דֶען וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט ? ! וָואלְסְטוּ וֶוען גֶעווּאוּסְט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט וָואלְסְטוּ גֶעלָאפְן אִין דִי גַאסְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן : גֶעוַואלְד ! וָואס טוּט זִיךְ דָא ?". רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן מִיט הַכְנָעָה, "זִיכֶער וֵוייס אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס דוּ וֵוייסְט נִישְׁט".

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **שלמה דוד** הי"ו
בן מו"ה **יודל דעפריס** הי"ו
צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **שמואל שטייג** הי"ו

***

החתן מו"ה **נחמן יואל** הי"ו
בן מו"ה **אהרן וועבערמאן** הי"ו
צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **יצחק אביש** הי"ו

***

החתן מו"ה **שלמה שווארץ** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **נחמן נתן קרויס** הי"ו
א חשובער מלמד אין אונזער הייליגע מוסדות
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יצחק אייזיק** (ברב"ד) **רוטה** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **לייבי ראטה** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יואל פעדער** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# הערליכע יום טוב שבועות מיט׳ן ראש ישיבה שליט"א

גאר א פרייליכער און דערהויבענער יום טוב האבן אנשי שלומינו מיטגעלעבט דעם שבועות אין קרית ברסלב ליבערטי אינאיינעם מיט׳ן ראש ישיבה שליט"א, כאיש אחד בלב אחד זענען זיך צוזאמגעקומען הונדערטער אידן פון איבעראל, צו זיין אינאיינעם ביים קיבוץ פון אנשי שלומינו אום יום טוב שבועות, אינאיינעם האט מען געזאגט נעשה ונשמע, אינאיינעם האט מען מקבל געווען די הייליגע תורה פון דאסניי, זיך אויפגעפרישט און באנייעט צו לערנען די הייליגע תורה, און מקיים זיין די הייליגע מצוות פון די תורה.

ווי באקאנט איז געווען ביים הייליגן רבי׳ן דריי צייטן אין יאר וואס די תלמידים זענען זיך צוזאגעקומען ביי אים בחייו, דאס איז געווען אום ראש השנה, שבת חנוכה, און יום טוב שבועות. אויף ראש השנה האט דער רבי געזאגט אז מען זאל ווייטער קומען צו זיין קבר אויך נאך זיין הסתלקות, און ער וועט פועל׳ן גרויסע ישועות פאר אלע וואס וועלן זיין ביי אים, ער האט זיך אויסגעדרוקט גאר שטארקע לשונות אויף דעם, "אפילו ווענען איך קען נישט העלפן א גאנץ יאר, קען איך אבער יא העלפן אום ראש השנה", "יעדער וואס גלייבט אין מיר זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן" און אזוי ווייטער, און דעריבער זענען זיך אזויפיל צענדליגע טויזנטער אידן מוסר נפש יאר יערליך צו קומען צום הייליגן רבי׳ן קיין אומאן אויף ראש השנה. אבער אין די אנדערע צוויי צייטן, שבת חנוכה און שבועות, איז מען נאר געקומען צום רבי׳ן בחייו, און היינט צו טאגס קומען זיך אנשי שלומינו צוזאם בכל מקומות מושבותיהם, מען נעמט זיך צוזאם צו דאווענען מיט ברסלב׳ע חסידים. אין אלע געגנטער זענען זיך אנשי שלומינו צוזאמגעקומען צו דאווענען אינאיינעם אום יום טוב שבועות, און פילע הונדערטער משפחות זענען געקומען צו פארן אויף קרית ברסלב ליבערטי, צו דאווענען און מקבל זיין אינאיינעם די הייליגע תורה, במחיצת דעם ראש ישיבה שליט"א.

די חשובע איינוואוינער אין קרית ברסלב האבן ברייט געעפנט זייערע הערצער און הייזער, אריינצונעמען די פילע הונדערטער משפחות וואס זענען געקומען צו פארן אויף יום טוב פון איבעראל.

במשך דעם גאנצן יום טוב האט דער ראש ישיבה שליט"א געדאווענט אלע תפלות אינעם גרויסן שול, וואס מען האט ספעציעל מסדר געווען לכבוד יום טוב צו קענען אריינעמען דעם גרויסן עולם.

נאך מעריב האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אויפגעשטעלט רעדן אפאר ווערטער איבער די גרויסקייט פון דעם הייליגן נאכט אין וואס מען גייט אריין, דער אר"י הקדוש זאגט אז דער נאכט זאל מען אויסנוצן ווי עס דארף צו זיין, אויפזיין די גאנצע נאכט, און אריינכאפן תורה און תפלה און זאגן דעם תיקון ליל שבועות, בענקען און בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו זיין נאנט צו אים, מצליח צו זיין אויף די וועלט ברוחניות ובגשמיות.

נאך די סעודה איז דער ציבור זיך צוזאמגעקומען צום תיקון ליל שבועות, יעדער האט געלערנט זיינע שיעורים, און אומגעפער אום צוויי אזייגער האט דער גאנצער עולם געזאגט דעם תיקון אינאיינעם מיט׳ן ראש ישיבה שליט"א. ווי עס איז איינגעפירט אין היכל הקודש זאגט מען דעם קורצן תיקון, וואס דאס איז נאר די ערשטע און לעצטע פסוק פון יעדע פרשה פון די תורה און נ"ך, און דערנאך די תרי"ג מצוות, ווען אינצווישן זינגט מען ווארעמע בענקעדיגע ניגונים, זיך בעטנדיג ביים אייבערשטן "והאר עינינו בתורתך ודבק לבינו במצותיך", און אזוי ווייטער הארציגע ניגונים אויף אידיש, מיט תפלות און רצונות צו ווערן נאנט צום אייבערשטן און צו זיין הייליגע תורה.

א נייער חידוש איז געווען דאס יאר, ווען אינמיטן זאגן דעם תיקון האט מען זיך עטליכע מאל אפגעשטעלט און עס זענען ארויפגעקומען אינגעלייט צו מאכן סיומים, וואס דאס האט געגעבן פרישע חיזוק פאר יעדן איינעם, אז יעדער קען זוכה זיין צו לערנען און אנקומען אין די הייליגע תורה.

נאכ׳ן תיקון האט דער ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען אנשי שלומינו מען זאל אויסנוצן די איבריגע צייט ביז׳ן עלות השחר זיך אויסצובעטן ביים אייבערשטן, און דערנאך האט מען געטאנצן מיט גרויס פרייד.

בקדרותא דצפרא איז מען געגאנגען אין מקוה, און דערנאך זיך געגאנגען אביסל צולייגן צו קענען דאווענען אינדערפרי מיט א רואיגן קאפ. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז מען קען מאכן א מנין ותיקין, אבער ער וויל דאווענען שפעטער צוליב חינוך הילדים, כדי זיינע קינדער זאלן קענען מיטהאלטן דאס דאווענען, אקדמות און קריאת התורה, ווי עס דארף צו זיין.

דער ראש ישיבה שליט"א איז צוגעגאנגען צו שחרית, מען האט געזינגען דעם אהבה רבה מיט א געוואלדיגע התעוררות, און דער הערליכער הלל איז געזינגען געווארן מיט גרויס התרגשות. דערנאך איז מען צוגעגאנגען צו קריאת התורה, דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעזאגט די הייליגע אקדמות מיט׳ן ניגון, מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש, און אויך געליינט די קריאת התורה מיט די עשרת הדברות מיט גרויס התלהבות.

נאכ׳ן דאווענען האט מען סערווירט א מילכיגער קידוש, דער ראש ישיבה שליט"א האט ווידער ארויסגערופן בחורים און אינגעלייט וואס האבן געמאכט סיומים, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט איבער די גרויסע שמחה פון דעם יום טוב, אז מיר זענען אידישע קינדער, מיר האבן מקבל געווען די הייליגע תורה, און דאס איז די גרעסטע שמחה וואס קען נאר זיין.

נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעזאגט די "שטר תנאים שבין ישראל לאביהם שבשמים", ווי דער מנהג איז, און דערנאך האט ער ארומגערעדט וואס דער רבי האט געזאגט אז ווער עס וועט זיין ביי אים אין די

<<<<<<

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## אינטערוויוס

**פערזענליכע געשמאקע שמועסן, צעשפרייט אין 350 אינטערוויוס מיט פילע אידן איבער די וועלט, געשמאק און לערנבאר**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 4, 2**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה יצחק אייזיק רוטה הי"ו, לרגל הולדת בנו למזל טוב – מו"ה יואל פעדער הי"ו, לרגל הולדת בתו למזל טוב**

< BreslevCenter.com >